

לקוטי שיחות

BACK2 BASICS

# UTILIZING HASHEM'S LOAN

Parshas Mishpatim

פרשת משפטים

# פרשת משפטים

ט. אין היינטיקער סדרה זאָגט ער, אם כסף תלוה. זאָגן רז״ל [15]), אַז כאָטש עס שטייט „אם״, מיינט דאָס ניט קיין רשות, נאָר דאָס איז אַ מצוה און אַ חובה.

אויפן פסוק מגיד דבריו ליעקב חקיו ומשפטיו לישראל זאָגן רז״ל [16]), אַז דאָס וואָס דער אויבערשטער הייסט טאָן אידן, טוט ער אויך אַליין. וואָס דאָס מיינט חקיו ומשפטיו, זיינע חו־קים און זיינע משפטים, וואָס ער אַליין איז זיי מקיים.

פון דעם איז פאַרשטאַנדיק אַז אויך דער אויבערשטער איז מקיים אם כסף תלוה את עמי.

י. דער ענין פון הלואה איז: מען גיט יענעם געלט, כאָטש עס קומט אים ניט. יענער גיט ניט עפּעס פאַר דעם. עס איז אָבער ניט קיין מתנה, נאָר יענער ווערט נתחייב אָפּצוגעבן שפּעטער.

אַזוי אויך דער אויבערשטער גיט אַ אידן ענינים און כחות, ער מאָנט אָבער, מען זאָל אויסנוצן דאָס אַלץ אויף אויספירן זיין שליחות, אָפּגעבן דאָס אין חוקיו ומשפטיו.

יא. אין דעם ענין פון געבן אַ זאַך על מנת צוריקצוגעבן, זיינען פאַראַן צוויי אופנים: שאלה און הלואה. דער חילוק פון די ביידע איז: ביי שאלה — מוז דער שואל אָפּגעבן די זעל־בע זאַך וואָס ער האָט גענומען, עס ווערט ניט זיינע. אָבער מלוה — להוצאה ניתנה, עס ווערט איינגאַנצן דעם לוה׳ס, און ער קען דאָס נוצן אויף אַלערליי ענינים.

דער טעם וואָס דער נתינת כוח פון דעם אויבערשטן, כסף תלוה, ווערט אָנגערופן מיטן נאָמען הלואה, איז ווייל דעם כוח קאָנען אידן נעמען און אויסנוצן אויף פועל׳ן אין זייערע ענינים, אַפילו בשעת אַז דאָס זיינען נידעריקע ענינים.

יב. דער ענין פון דעם אין פּועל ובלימוד החסידות בפרט איז:

פאַראַן אַזעלכע וואָס מיינען אַז מיט לערנען חסידות דאַרף מען וואַרטן ביז ער וועט זיין פריער אָפּגעהיט בתכלית אַפילו אין אַ דקדוק קל של דברי סופרים און אין אַ הידור מצוה. כל זמן ער איז נאָך חושש, אַז ער האַלט נאָך ניט דערביי, ווער רעדט נאָך אַז ער וויס אַז ער קען אַמאָל אַריבערפאַלן אין אַ הידור מצוה, און אין אַ דקדוק קל של דברי סופרים, ומכל שכן אויב ער פאַלט דורך אַפילו אין אַ דרבנן, און אַמאָל אַפילו אין אַ דאורייתא, סיי אין אַן ענין פון קום ועשה און סיי אין אַן ענין פון שב ואל תעשה, דאַן — טראַכט ער — קען ער זיך ניט עוסק זיין אין לימוד החסידות און אין עבודת התפ־לה, און בכלל אין ענינים נעלים.

זאָגט מען: מלוה להוצאה ניתנה. ניט קוקנדיק אויף דער הויכקייט פון תורת החסידות, וואָס דער אַלטער רבי האָט אויף דעם געגעבן אַ משל פון אַן אבן טובה וואָס געפינט זיך בכתר המלך [17]), וואָס אָן דעם אבן טובה איז דער גאַנצער כתר קיין כתר ניט, פונדעסטוועגן, גיט מען רשות צו יעדער אידן נעמען דעם

15) מכילתא הובא בפירש״י על התורה.
16) שמות רבה פ״ל, ט.

17) זע התמים חוברת ב. בטאַון חב״ד חוברת ה.

טייטשט ON THE NEXT PAGE

# CLASSICAL CONCEPTS

1. In this week's Parsha the Possuk states "אם כסף תלוה - If you will lend money". The Chachomin explain that although the Possuk writes the word "if", which would seem to indicate that there is an option being given, lending money is actually a positive commandment. There is a Possuk in Tehilim which says "מגיד דברו ליעקב חקיו ומשפטיו לישראל - He tells His words to Yakov, His laws and his statutes to Yisrael". The Chachomim derive from the use of the word "His" that all the commandments that Hashem gives to his people, He fulfills in some form as well. This would indicate that just as Hashem commanded His people to lend money, He too fulfils this obligation.

2. When lending money to another, it is given without the other person deserving it or earning it. However, the money was not given as a gift and the borrower is responsible to repay the debt later. Similarly, Hashem gives the Jew-

# טייטש TRANSLATIONS

| ווארט | טייטש |
|---|---|
| היינטיקער | Today's |
| אם כסף תלוה | "If you will lend money" |
| כאטש עס שטייט | Although it states |
| מיינט דאס ניט קיין רשות | It doesn't mean it is optional |
| נאר | Rather |
| חובה | Obligation |
| מגיד דבריו ליעקב... | "He tells His words to Yakov His statutes and laws to Yisrael" |
| הייסט טאן אידן | Tells the Jews to do |
| טוט ער אויך אליין | He does himself |
| זיינע | His |
| פארשטאנדיק | Understood |
| אויך | Also |
| מען גיט יענעם געלט | One gives another person money |
| עס קומט אים ניט | He doesn't owe it to him |
| ווערט נתחייב | Becomes obligated |
| אפצוגעבן שפעטער | To give it back later |
| ער מאנט אבער | But he demands |
| אויסנוצן | Use it out |
| אויף אויספירן | In order to fulfill |
| אפגעבן | Give away/use for |
| געבן א זאך | Giving something |
| צוריקצוגעבן | To give it back |

| ווארט | טייטש |
|---|---|
| זיינען פאראן | There are |
| שאלה | Borrowing |
| הלואה | Lending |
| פון די ביידע | From both of these |
| מוז | Must |
| די זעלבע זאך | The same thing |
| גענומען | Took |
| ווערט ניט זיינע | Doesn't become his |
| להוצאה ניתנה | Was given to spend |
| אינגאנצן | Completely |
| נוצן | Use |
| אלערליי ענינים | All sorts of things |
| ווערט אנגערופן | Is called |
| מיטן נאמען | With the name |
| ווייל | Since |
| קאנען אידן נעמען | Jews can take |
| זייערע ענינים | Their matters |
| נידעריקע | Low |
| אין פועל | In practicality |
| פאראן אזעלכע | There are those |
| וואס מיינען | Who think |
| ווארטן | Wait |
| ביז | Until |
| פריער אפגעהיט | First careful |
| נאך חושש | Still suspects |
| האלט נאך ניט דערביי | Not yet holding there |
| ער ווייס | He knows |

נאָך אַז ער ווייס אַז ער קען אַמאָל אַריבערפאַלן אין אַ הידור מצוה, און אין אַ דקדוק קל של דברי סופרים, ומכל שכן אויב ער פאַלט דורך אַפילו אין אַ דרבנן, און אַמאָל אַפילו אין אַ דאורייתא, סיי אין אַן ענין פון קום ועשה און סיי אין אַן ענין פון שב ואל תעשה, דאַן — טראַכט ער — קען ער זיך ניט עוסק זיין אין לימוד החסידות און אין עבודת התפ־לה, און בכלל אין ענינים נעלים.

זאָגט מען: מלוה להוצאה ניתנה. ניט קוקנדיק אויף דער הויכקייט פון תורת החסידות, וואָס דער אַלטער רבי האָט אויף דעם געגעבן אַ משל פון אַן אבן טובה וואָס געפינט זיך בכתר המלך [17], וואָס אָן דעם אבן טובה איז דער גאַנצער כתר קיין כתר ניט, פונדעסטוועגן, גיט מען רשות צו יעדער אידן נעמען דעם כתר המלך און אויסנוצן אים אין זיינע ענינים.

מען מאָנט ביי יעדער אידן, אַז ווי נידעריק ער זאָל ניט זיין, זאָל ער קיין איין טאָג ניט פאַרפעלן זיין שיעור וואָס ער האָט אין חסידות, און אַפילו אין דעם טאָג גופא וואָס ער איז נכשל געוואָרן ח״ו אין אַ דאורייתא, סיי אין אַן ענין פון קום ועשה סיי אין אַן ענין פון שב ואל תעשה, זאָל ער אויך דעם טאָג ניט פאַרפעלן זיין שיעור אין לימוד החסידות, און ניט נאָר אַן ענין פון עבודה נאָר אויך אַן ענין פון השכלה אין אלקות, און אַפילו אַזאַ ענין אין השכלה וואָס מצד זיין הויכקייט ווייס ער גאָר ניט ווי דאָס אַראָפּצוטראָגן צו זיך.

יג. דער טעם אויף דעם נתינת כוח וואָס דער אויבערשטער גיט — כסף תלוה, זאָגט ער אין פסוק — את עמי. זאָגן רז״ל [18]), עמי ונכרי עמי קודם. וויבאַלד אַז מען דאַרף באַוואָרענען און זאָגן עמי קודם, איז פאַרשטענדלעך אַז ס'איז פאַראַן אַן אָרט אויף זאָגן אַנדערש, און פונ־דעסטוועגן זאָגט מען עמי קודם.

פון דעם איז פאַרשטאַנדיק אַז דער נתינת כוח קומט פון אַזאַ אָרט וואָס דאָרטן רירט ניט אָן עבודת הנבראים, בחינת אדון יחיד שרש השרשים [19]). ווי ער זאָגט [20]) איני יודע באיזה מהם חפץ, במעשה צדיקים צי במעשה רשעים, און ס'דאַרף זיין אַ לימוד אויף דעם ווייל דאָרט קען זיין אַ נתינת מקום עס זאָל זיין אַנדערש. נאָר מצד דער בחירה עצמית, וואָס דער אויבערשטער האָט בוחר געווען אין נשמות ישראל, איז עמי קודם.

און דאָס איז די מדריגה וואָס אויף איר שטייט, הלא אָח עשו ליעקב נאום ה' ואוהב את יעקב ואת עשו שנאתי [21]). מעשה התחתונים רירט דאָרטן ניט אָן, דערפאַר איז אָח עשו ליעקב, ביידע גלייך. און פונדעסט־וועגן, מצד דער בחירה ואהבה עצמית, איז ואוהב את יעקב גו'.

און דאָס איז אויך וואָס ער זאָגט

17) זע התמים חוברת ב. בטאון חב״ד חוברת ה.

18) בבא מציעא עא, א.

19) עבודת הקודש חלק ב פרק ג, גע־בראַכט אין של״ה (לא, ב). הענין נתבאר בד״ה צאינה וראינה עזר״ת. בד״ה לא תהי' משכלה תשי״ב.

20) בראשית רבה ספ״ב.

21) מלאכי א, ב־ג.

# CLASSICAL CONCEPTS

ish people special power and gifts, all on condition that they will be "repaid" through the Jewish people using them in order to serve Hashem.

3. There are two manners in which a person can lend something to another. The first manner is when the borrower is obligated to give back the same object he was given. An example of this would be when a person borrows a lawnmower. He was given the lawnmower to use, but he must return the very same lawnmower to the kind fellow he borrowed it from. The second manner is when the lender intended for the borrower to use what he borrowed and return something different. The perfect example of this would be when one borrows money. The lender obviously does not want the borrower to return the same money he lent him, but rather that money now belongs completely to the borrower to use and try to earn a profit from and then return different money.



4. As we mentioned, the powers and strength a Jew is given from Hashem are referred to as הלואה - the second type of borrowing. The powers Hashem gives to the Jewish people are not intended to be untouched and then returned the way they were given. These powers now belong to the Jewish person in order for him to

# טייטש TRANSLATIONS

| טייטש | וואָרט |
|---|---|
| (Between) my nation and others, my nation comes first | עמי ונכרי עמי קודם |
| Since | וויבאלד |
| Forewarn | באווארענען |
| Understood | פארשטענדלעך |
| There is place/ room | ס׳איז פאראן אן ארט |
| Different/ otherwise | אנדערש |
| From such a place | פון אזא ארט |
| It doesn't matter/concern | ריירט ניט אן |
| Whether | צי |
| Because there | ווייל דארט |
| Choice that comes from the essence | בחירה עצמית |
| Is Eisav not a brother to Yakov? | הלא אח עשו ליעקב |
| Therefore | דערפאר |
| Both equally | ביידע גלייך |
| A loving desire for the house of your father | נכסוף נכספת לבית אביך |
| This means | ד.ה. (=דאס הייסט) |

| טייטש | וואָרט |
|---|---|
| He can fall at times | ער קען אמאל אריבערפאלן |
| Both | סיי |
| Something he was obligated to do | קום ועשה |
| Something he was obligated to refrain from doing | שב ואל תעשה |
| Then | דאן |
| He thinks | טראכט ער |
| Notwithstanding | ניט קוקנדיק |
| Height/greatness | הויכקייט |
| Gave | געגעבן |
| Which is found | וואס געפינט זיך |
| Without | אן |
| Nevertheless | פונדעסטוועגן |
| Take | נעמען |
| Use out | אויסנוצן |
| Demands | מאנט |
| However low | ווי נידעריק |
| Not one day | קיין איין טאג ניט |
| Miss out | פארפעלן |
| Draw it down to himself | אראפצוטראגן צו זיך |

אם כסף תלוה, כסף איז מרמז אויף אהבה, מלשון נכסוף נכספת לבית אביך[22], ד. ה. אַז די מלוה, נתינת כח, איז ניט מצד עבודה נאָר מצד דער אהבת עצמית פון דעם אויבערשטן צו אידן.

יד. וויבאַלד אַז דער נתינת כוח איז פון אַזאַ אָרט וואו ס'איז ניט נוגע מעשה התחתונים, במילא איז דער נתינת כוח צו יעדער אידן, וואָרום אין דעם אָרט פון וואַנען עס ווערט נמשך דער כוח, האָט העדר העבודה ניט גע'פועל'ט קיין פגם.

און דאָס איז אויך וואָס דער פסוק איז ממשיך, את העני עמך: ניט קוקנדיק וואָס ער איז אַן עני, ער האָט זיך אַריינגעטראַכט אין זיין מעמד ומצב און ער איז צעבראָכן פון דעם, און האָט טאַקע פון וואָס צו זיין צעבראָכן, פונדעסטוועגן דאַרף ער וויסן אַז אויך ער האָט דעם כוח מלמעלה, וואָרום אהבה עצמית, דער־גרייכט אַלעמען, אויך אים, און אדרבה — דערפאַר ווייל ער איז אַן עני, איז דאָך באַוואוסט אַז דער אויבערשטער געפינט זיך אין אַ לב נשבר ונדכה דוקא.

**לא תהי' לו כנושה**: אויב דער לוה האָט ניט מיט וואָס צו צאָלן, ובמילא וועט דער מאָנען ניט העלפן, מער ניט ווי מאַכן אים ענג, טאָר מען ביי אים ניט מאָנען. נאָך מער: מען טאָר ניט דורכגיין פאַרביי דעם לוה באופן עס זאָל אים מאַכן ענג[23].

ווי גערעדט פריער — איז מגיד דבריו ליעקב גו' מה שהוא מצוה לבניו הוא עושה, איז אַזוי אויך למעלה — בשעת אַז מיטן מאָנען דורך קו השמאל און מיט יסורים, טוט מען גאָרנישט אויף, איז סתם מאָנען — לא תהי' לו כנושה.

אַזוי ווי עס שטייט על מה תוכו עוד תוסיפו סרה[24]. על מה תוכו — וויבאַלד אַז דאָס פועל'ט ניט, אדרבה, עוד תוסיפו סרה. בשעת דער אויבערשטער זעט אַז מיט דעם קו השמאל טוט מען ניט אויף, וועט ער ווידער אָנהויבן מיטן קו הימין, מיט קירוב בחסד וברחמים בטוב הנראה והנגלה.

(משיחת ש"פ משפטים, תשי"ב)

טו. אין מדרש תנחומא שטייט אויפן פסוק אם כסף תלוה את עמי את העני עמך, אַז דאָס באָרגט מען דעם אויבערשטן, מלוה ה' חונן דל, דורך דעם וואָס מען איז חונן דל — נתינת הצדקה — איז מען מלוה הוי', מען באָרגט דעם אויבערשטן.

דער אויבערשטער אַז ער צאָלט — צאָלט ער לויט זיין מדה. דער אויבערשטער איז דאָך בלי גבול — צאָלט ער אויך בלי גבול (אָן אַ גרענעץ).

ווי מען האָט גערעדט אין דער התוועדות פון יו"ד שבט, אין דעם ענין וואָס דער צ"צ איז מבאר אין ספר החקירה בתחילתו, אַז הגם בלי גבול בפועל איז ניט שייך אין נבראים, וואָרום אפילו אַז עס וועט ניתוסף ווערן נאָך און נאָך, איז, סוף כל סוף, בלייבט דאָך דאָס בהגבלה;

דאָס איז אָבער מער ניט וואָס בפועל איז ניטאָ קיין בלי גבול אין נבראים, אָבער בכח קען דאָך דער אויבער־שטער געבן ווייטער און ווייטער, דור אחר דור, עד אין קץ. טיפער דער

22) תניא ריש פרק ג.

# CLASSICAL CONCEPTS

use in his personal affairs, even lowly, mundane ones.

5. A practical example of what this means would be the commitment one must have to the daily study of Chassidus. Some may think that since Chassidus is so holy and lofty, in order for someone to be considered "worthy" of learning it, he must first ensure that his spiritual state is flawless. If someone is aware that from time to time they may "slip-up" regarding a certain stringency, or even an actual Mitzvah, then surely they are not ready to study Chassidus or Daven at length.

6. This is why the Torah tells us "מלוה להוצאת ניתנה" - "A loan was given to be spent". The fact that Chassidus is extremely lofty and holy is indeed the truth. To such an extent that the Alter Rebbe compared it to the most precious stone in the king's (Hashem's) crown. Although without this precious stone the entire crown loses its worth, nevertheless, Hashem tells every Jew to take it and use it to his benefit, regardless of where he is holding spiritually. Hashem gives every Jew this "loan" in order that they can use it to their benefit in their personal matters. It is not meant to just sit there and be returned the way it was given. Chasssidus must be utilized to its fullest potential by each person on their own level. Every person is obligated to study Chassidus every single day, even on those days which he committed a sin, heaven forbid. Even on a day which one, unfortunately, transgressed a biblical commandment he must remain committed to the study of Chassidus. (He must even study the deepest parts of Chassidus which may not seem relevant to his current state.)

7. What is the reason why Hashem gives this special spiritual loan to his people?

# טייטש TRANSLATIONS

| טייטש | ווארט | טייטש | ווארט |
|---|---|---|---|
| Do not act with him as a lender (if he cannot pay) | לא תהי' לו כנושה | Where it doesn't matter | וואו ס'איז ניט נוגע |
| Has not with what to pay | מיט וואס צו צאלן האט ניט | Every | יעדער |
| The demanding will not help | וועט דער מאנען ניט העלפן | Because | ווארום |
| Make him | מאכן אים ענג | From where | פון וואנען |
| Pass by | דורכגיין פארביי | Lack of Avodah | העדר העבודה |
| Like we spoke earlier | ווי גערעדט פריער | Didn't cause any defect | ניט גע'פועל'ט קיין פגם |
| Through the "left side" (harsh treatment) | דורך קו השמאל | Though to himself | האט זיך אריינגעטראכט |
| Punishments | יסורים | His situation | זיין מעמד ומצב |
| Doesn't accomplish anything | טוט מען גארנישט אויף | Broken from it | צעבראכן פון דעם |
| Why are you beaten when you still continue to rebel? | על מה תוכו עוד תוסיפו סרה | He must know | דארף ער וויסן |
| Sees | זעט | Reaches everyone | דערגרייכט אלעמען |
| Start again | ווידער אנהויבן | Also him | אויך אים |
| | | Known | באוואוסט |
| | | Is found | געפינט זיך |
| | | A broken and crushed heart | לב נשבר ונדכה |



נאָך אַז ער ווייס אַז ער קען אַמאָל אַריבערפאַלן אין אַ הידור מצוה, און אין אַ דקדוק קל של דברי סופרים, ומכל שכן אויב ער פאַלט דורך אַפילו אין אַ דרבנן, און אַמאָל אַפילו אין אַ דאורייתא, סיי אין אַן ענין פון קום ועשה און סיי אין אַן ענין פון שב ואל תעשה, דאַן — טראַכט ער — קען ער זיך ניט עוסק זיין אין לימוד החסידות און אין עבודת התפלה, און בכלל אין ענינים נעלים.

זאָגט מען: מלוה להוצאה ניתנה. ניט קוקנדיק אויף דער הויכקייט פון תורת החסידות, וואָס דער אַלטער רבי האָט אויף דעם געגעבן אַ משל פון אַן אבן טובה וואָס געפינט זיך בכתר המלך[17]), וואָס אָן דעם אבן טובה איז דער גאַנצער כתר קיין כתר ניט, פונדעסטוועגן, גיט מען רשות צו יעדער אידן נעמען דעם כתר המלך און אויסנוצן אים אין זיינע ענינים.

מען מאָנט ביי יעדער אידן, אַז ווי נידעריק ער זאָל ניט זיין, זאָל ער קיין איין טאָג ניט פאַרפעלן זיין שיעור וואָס ער האָט אין חסידות, און אַפילו אין דעם טאָג גופא וואָס ער איז נכשל געוואָרן ח"ו אין אַ דאורייתא, סיי אין אַן ענין פון קום ועשה סיי אין אַן ענין פון שב ואל תעשה, זאָל ער אויך דעם טאָג ניט פאַרפעלן זיין שיעור אין לימוד החסידות, און ניט נאָר אַן ענין פון עבודה נאָר אויך אַן ענין פון השכלה אין אלקות, און אַפילו אַזאַ ענין אין השכלה וואָס מצד זיין הויכקייט ווייס

17) זע התמים חוברת ב. בטאון חב"ד חוברת ה.

ער גאָר ניט ווי דאָס אַראָפּצוטראָגן צו זיך.

יג. דער טעם אויף דעם נתינת כוח וואָס דער אויבערשטער גיט — כסף תלוה, זאָגט ער אין פסוק — את עמי. זאָגן רז"ל[18]), עמי ונכרי עמי קודם. וויבאַלד אַז מען דאַרף באַוואָרענען און זאָגן עמי קודם, איז פאַרשטענדלעך אַז ס'איז פאַראַן אַן אָרט אויף זאָגן אַנדערש, און פונדעסטוועגן זאָגט מען עמי קודם.

פון דעם איז פאַרשטאַנדיק אַז דער נתינת כוח קומט פון אַזאַ אָרט וואָס דאָרטן רירט ניט אָן עבודת הנבראים, בחינת אדון יחיד שרש השרשים[19]). ווי ער זאָגט[20]) איני יודע באיזה מהם חפץ, במעשה צדיקים צי במעשה רשעים, און ס'דאַרף זיין אַ לימוד אויף דעם ווייל דאָרט קען זיין אַ נתינת מקום עס זאָל זיין אַנדערש. נאָר מצד דער בחירה עצמית, וואָס דער אויבערשטער האָט בוחר געווען אין נשמות ישראל, איז עמי קודם.

און דאָס איז די מדריגה וואָס אויף איר שטייט, הלא אָח עשו ליעקב נאום ה' ואוהב את יעקב ואת עשו שנאתי[21]). מעשה התחתונים רירט דאָרטן ניט אָן, דערפאַר איז אָח עשו ליעקב, ביידע גלייך. און פונדעסטוועגן, מצד דער בחירה ואהבה עצמית, איז ואוהב את יעקב גו'.

און דאָס איז אויך וואָס ער זאָגט

18) בבא מציעא עא, א.

19) עבודת הקודש חלק ב פרק ג, געבראַכט אין של"ה (לא, ב). הענין נתבאר בד"ה צאינה וראינה עזר"ת. בד"ה לא תהי' משכלה תשי"ב.

20) בראשית רבה ספ"ב.

21) מלאכי א, ב־ג.

# טייטש'ן TRANSLATIONS

| ווארט | טייטש |
|---|---|
| זאגט מען: | We say |
| מלוה להוצאה ניתנה | "a loan was given to be spent". |
| ניט קוקנדיק אויף דער הויכקייט | Notwithstandin g the greatness |
| פון תורת החסידות, | Of Chassidus, |
| וואס דער אלטער רבי | which the Alter Rebbe |
| האט אויף דעם געגעבן | Gave regarding it |
| א משל | a Moshol |
| פון אן אבן טובה | of a precious stone |
| וואס געפינט זיך | which is found |
| בכתר המלך, | in the kings crown, |
| וואס אן דעם אבן טובה | (that) without the precious stone |
| איז דער גאנצער כתר | the entire crown is |
| קיין כתר ניט | not a crown at all, |
| פונדעסטוועגן, | nevertheless, |
| גיט מען רשות | permission is given |
| צו יעדער אידן | to every Jew |
| נעמען דעם כתר המלך | to take the crown of the king |
| און אויסנוצן אים | and use it out |
| אין זיינע ענינים. | in his personal matters. |
| מען מאנט ביי יעדער אידן | It is demanded of every Jew |
| אז ווי נידעריק | That however low |
| ער זאל ניט זיין, | he may be |
| זאל ער | he should |
| קיין איין טאג | for even one day |
| ניט פארפעלן | not miss out |
| זיין שיעור | his allotted learning time |
| וואס ער האט אין חסידות | that he has for Chassidus. |
| און אפילו | And even |
| אין דעם טאג גופא | on the day itself |
| וואס ער איז נכשל געווארן | which he failed, |
| ח"ו | Heaven forbid, |
| אין א דאורייתא, | in a biblical commandment. |
| סיי אין אן ענין | Whether in a matter of |
| פון קום ועשה | a proactive obligation |
| סיי אין אן ענין | or in a matter |
| פון שב ואל תעשה, | of an obligation to refrain from doing something, |
| זאל ער | he should |
| אויך דער טאג | also on that day |
| ניט פארפעלן זיין שיעור | not miss out his designated time |
| אין לימוד החסידות, | in learning Chassidus. |
| און ניט נאר | And not only (learn) |
| אן ענין פון עבודה | a concept of actual Avodah |
| נאר אויך | but also |
| פון השכלה אין אלקות | (a matter of) deep G-dly understanding, |
| און אפילו | and even |
| אזא ענין | such a concept |
| וואס מצד זיין הויכקייט | that because of its loftiness |
| ווייס ער גאר ניט | he has no idea |
| ווי אזוי אראפצוטראגן | how to draw it down |
| צו זיך. | to himself. |

# R KNOWLEDGE!

4. **WHAT** type of level is this loan coming from?

______________________________________________

______________________________________________

______________________________________________

5. **WHY** does the Possuk specify that the loan goes to a poor person?

______________________________________________

______________________________________________

6. **EXPLAIN** how the law of a lender not putting pressure for payment applies to Hashem.

______________________________________________

______________________________________________

don't reach, and therefore it would seem that there is no difference between Yakov and Eisav. However, hashem chooses Yakov over Eisav out of his deep love for him which isn't limited to Yakov's actions, but rather a deep love from Hashem's essence. This is also why this Possuk uses the term "כסף" for money. כסף can also be a term of endearment and love, this shows us that the "loan" that Hashem gives to his people is not a reward for their actions but rather a result of the deep love that he has for them.

10. Since this "loan" is coming from a place that is not affected by the actions of people, it is therefore given to every single Few, regardless of where he is holding. This is why the Possuk uses the term "the poor of your nation", for even one who is broken and sad that he is not in the spiritual state he is intended to be in, he too receives this loan from Hashem.

11. The Possuk commands a lender who sees that the borrower is unable to repay the debt not to behave with him as a lender because it will make the borrower feel uncomfortable. When he will constantly press him for the money, or even just pass him by, the borrower will feel miserable about his debt since he is unable to pay back. The same is true in regards to how Hashem "demands" the repayment of his loan. If Hashem sees that demanding the return of the loan through the "left side" i.e. harsh judgments, will not accomplish anything, he will begin again with the "right side" i.e. open and revealed blessings and good.

# SHOW OFF YOU

1. **WHAT** are two ways to lend something to someone else? **WHICH** one is being discussed in the Sicha?

2. **WHAT** type of loan does Hashem give to the Jewish people? **WHAT** is it meant to be used for?

3. **WHY** should one learn Chassidus if he feels he isn't holy enough?

## CLASSICAL CONCEPTS

The answer to this question can be found within the Possuk itself, as it states "If you will lend money to my nation". From here it is learned that the Jewish people are given special preference when it comes to receiving loans. The Chachomim said regarding this law "(if it is between lending to) my nation (or lending to) a stranger, my nation comes first".

8. It would seem that it is unnecessary for the Possuk to tell us that Jewish people are the first to receive from Hashem. From the mere fact that in this Possuk Hashem has to make it clear that the Jewish people are the priority, there must be some reason to think otherwise. Hashem is making it clear that he is giving this special loan only to the Jewish people because it is coming from such a high level where all creations are equal, regardless of who they are and what they do. Regarding this level it is said "I do not know which to choose, the actions of the righteous or the actions of the wicked". Nevertheless, Hashem chooses the Jewish people over all other creations and selects them to be the ones to receive his special "loan". This is why the Possuk has to make it clear that "my nation comes first".



9. This is what the Possuk is referring to when it says "Is Eisav not a brother to Yakov? Yet I love Yakov and Eisav I hate". It is a level on which the actions of the creations

לזכות
החתן התמים
דוד יוסף שי' רחמני
והכלה המהוללה
מושקא תחי' גליק
לרגל יום חתונתם ביום א' דר"ח אדר
שיזכו לבנות בנין עדי עד
ויגרום נחת רוח רב
לכ"ק אדמו"ר נשיא דורנו

BACK 2 BASICS
Seeing the Parsha the way the Rebbe does

© B2B SICHOS COVER: LEIBEL KRINSKY ט"טשי'ן & CONCEPTS: DOVID RACHMANI LAYOUT: MENACHEM ARON
TO SPONSOR, OR TO RECEIVE THIS BOOKLET WEEKLY VIA EMAIL, CONTACT B2BSICHOS@GMAIL.COM